Ф.444
оп
д 28

Державний архів Київської області!
Фонд № 444
Опис № 1
Справа № 28

С.

Еврейское эмиграционное общество
в г. Киеве.

Циркуляры Киевского
эмиграционного общества
о правилах эмиграции

Начато март 1911 г
Закончено март 1911 г

2

КИЇВСЬКИЙ ОБЛАСНИЙ
ДЕРЖАВНИЙ АРХІВ
Ф. № Р 4с ОП № ОД. СХ. № 28.
ф-444

на 5 лис[?]

יודישע
עמיגראציאָנס-געזעללשאפט
קיעוו.
מ.-וואסילקאָווסקאיא 29

JÜDISCHE
EMIGRATIONS-GESELLSCHAFT
KIEW.
M.-Wasilkowskaja 29.
Telephon № 2505.

# № 6  צירקולאר

קיעוו, אפריל 1911 יאהר.

צו אלע אָבטיילונגען, בעפאָלמעכטיגטע און קאָרעספאָנדענטען פון דער „יודישער עמיגראציאָנס-געזעלשאפט" אין קיעוו.

ג. ה.!

היערמיט האָבען מיר די עהרע אייך אויפמערקזאם צו מאכען אויף די טראָקען פון די נאָהענסטע פאַרטיעס, וואָס וועלען אָבּרייזען קיין גאלוועסטאָן.

די 53-טע פאַרטיע: פון רוססלאנד-דאָנערשטאָג, 9 (22) יוני,
„ ברעמען-מיטין שיף „האַננאָווער", דאָנערשטאָג, 16 (29) יוני.

די 54-טע פאַרטיע: פון רוססלאַנד-דאָנערשטאָג, 7 (20) יולי,
„ ברעמען-מיטין שיף „פראַנקפורט", דאָנערשטאָג, 14 (27) יולי.

די 55-טע פאַרטיע: פון רוססלאנד-מיטוואָך 3 (16) אויגוסט,
„ ברעמען-מיטין שיף „האַננאָווער", מיטוואָך, 10 (23) אויגוסט.

די 56-טע פאַרטיע: פון רוססלאַנד-מיטוואָך, 17 (30) אויגוסט,
„ ברעמען-מיטין שיף „וויטטעקינד", מיטוואָך, 24 אויגוסט (6 סעפטעמבער).

די 57-טע פאַרטיע: פון רוססלאנד-דאָנערשטאָג, 1 (14) סעפטעמבער,
„ ברעמען-מיטין שיף „פראַנקפורט", דאָנערשטאָג, 8 (21) סעפטעמבער.

די 58-טע פאַרטיע: פון רוססלאַנד-דאָנערשטאָג, 29 סעפטעמבער (12 אָקטאָבער),
„ ברעמען-מיטין שיף „האַננאָווער", דאָנערשטאָג, 6 (19) אָקטאָבער.

די 59-טע פאַרטיע: פון רוססלאַנד-דאָנערשטאָג, 27 אָקטאָבער (9 נאָוועמבער),
„ ברעמען-מיטין שיף „פראַנקפורט", דאָנערשטאָג, 3 (16) נאָוועמבער.

די 60-טע פאַרטיע: פון רוססלאנד-דאָנערשטאג, 24 נאָוועמבער (7 דעצעמבער),
„ ברעמען-מיטין שיף „האַננאָווער", דאָנערשטאָג, 1 (14) דעצעמבער.

---

דער פרייז פאַר דער רייזע איז יעצט פון יעדער פרייסישער קאָנטראָל-סטאנציע ביז גאלוועסטאָן, און וויטער-ביז דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך ארבייט:

פאר קינדער ביז 1 יאהר . . . . . . . 13 רובל.
„ „ פון 1 יאָהר ביז 4 יאָהר . . . . 37 „
„ „ פון 4 יאָהר ביז 10 יאָהר . . . . 41 „
„ „ פון 10 יאָהר ביז 12 יאָהר . . . 45 „
„ ערוואַקסענע, עלטער פון 12 יאָהר . . . . 74 „

די עמיגראנטען, וואָס פאָהרען-צו ביז ברעמען אויף זייער אייגענער רעכנונג,- דארפען איינצאָהלען:

פאר קינדער ביז 1 יאָהר . . . , . . . . 13 רובל.
„ „ פון 1 יאָהר ביז 12 יאָהר . . . . 37 „
„ ערוואַקסענע, עלטער פון 12 יאָהר . . . . 66 „

---

אויפ'ן גרונד פון דער בעשטימונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אויף אונזער לעטצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, האָבען מיר בעפאָלמעכטיגט אונזער מיטגליעד, א. ספיוואק (אומאן, קיעווער גוב.) צוזאמענצוקלייבען און בעארבייטען מאטעריאלען איבער קאָלאָניזאציאָנס-פראַגען, און וועגען דעם צושטעלען א גענויען בעריכט צו דער קומענדיגער אלגעמיינער פערזאמלונג.

מיר בעטען דערום אלע מיטגליעדער פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער פראגע וועגען קאָלאָניזאַציע, מיטטהיילען דעם ה' א. ספיוואק, זייערע מיינונגען וועגען דיעזער פראגע, ווענדען זיך צו איהם מיט אלע אנפראגען וועגען דעם, צושיקען איהם נויטיגע מאטעריאלען א. ז. וו.-זיין אדרעס איז:

г. Умань, Кіевск. губ., Торгов. площадь, собств. д., А. Спиваку.

---

דעם 21-טען אפריל האָט זיך אין ליבוי געעפענט א ביוראָ פון אונזער געזעל-שאַפט. מיר בעטען דערום אלע אונזערע מיטארבייטער, וועגען אלע עמיגראציאָנס-ענינים, וועלכע זיי וועלען האבען אין ליבוי, זיך ווענדען אין דיעזע ביורא לויט'ן אדרעס:

Бюро Еврейскаго Эмиграціоннаго Общества, Либава, Еленинская, № 2.

מיט האכאכטונג

די פערוואַלטונג
פון דער יודישער עמיגראציאָנס-געזעלשאפט
אין קיעוו.

Кіевъ, тип. „Работникъ".

יודישע
עמיגראציאנס־געזעללשאפט
קיעוו.
מ.־וואסילקאווסקאיא 29

ЕВРЕЙСКОЕ
ЭМИГРАЦIОННОЕ ОБЩЕСТВО
КIЕВЪ,
М.-Васильковская № 29.
Телефонъ № 2505.

# צירקולאר № 3

צו אלע אבטיילונגען, בעפאלמעכטיגטע און מיטארבייטער פון דער

יודישער עמיגראציאנס־געזעלשאפט.

געעהערטע הערען,

פון די יודיש־אמעריקאנישע קאמיטעטען, וועלכע נעהמען אנ׳אנטייל אין אונזער ארבייט, האבען מיר די לעצטע צייט ווידער בעקומען א רייהע בריעף, אין וועלכע זיי בעקלאגען זיך, דאס זייערע אינסטרוקציעס און אנווייזונגען בנוגע צו דער גאלוועסטאנער עמיגראציע ווערען ניט פאלקאם ערפילט. אין אונזערע פארטיעס שיקען מיר צו פיעל ניט־בעלי מלאכות; ווען די פארטיעס קימען אן קיין גאלוועסטאן, ווייזט זיך אפטמאל ארויס, דאס פיעלע פון די עמיגראנטען, וועלכע האבען זיך דא אנגעגעבען פאר בעלי־מלאכות, קענען אין דער אמת׳ן קיין שום מלאכה ניט און זענען בכלל ניט פעהיג צו קיין פיזישע ארבייט א. ד. גל. די אמעריקאנער יודישע קאמיטעטען האבען ניט קיין מעגליכקייט צו געפינען ארבייט פאר אזעלכע עמיגראנטען און איינארדנען זיי ווי געהעריג. אזעלכע עמיגראנטען פערשאפען פיעל זארג און אומזיסטע מיה די ארטיגע קאמיטעטען און די יודישע קהילות אין אמעריקא, צו וועלכע דער גאלוועסטאנער קאמיטעט שיקט זיי, און סוף כל סוף בלייבען זיי אונצופריעדען און בעקלאגען זיך אימער אויף זייער לאגע.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מיר האבען שוין פריהער קלאר און דייטליך אנגעוויזען אין אונזערע צירקולארען, דאס ביים אראבגעהן פון שיף אין גאלוועסטאן מוז יעדער עמיגראנט האבען ביי זיך ניט ווייניגער פון 20 רובל אויך צו ווייזען די איממיגראציאנס־בעאמטע, — טרעפט זיך נאך ביז יעצט, דאס קיין גאלוועסטאן קומען עמיגראנטען, וועלכע האבען ניט דיעזע נויטיגע סוממע. אזעלכע עמיגראנטען בעשאפען פאר׳ן גאלוועסטאנער קאמיטעט זעהר פיעל שוויריגקייטען, און זיי שטעהט שטענדיג פאר א געפאהר, מען זאל זיי ניט אריינלאזען אין גאלוועסטאן.

די אמעריקאנער קאמיטעטען בעקלאגען זיך אויך, דאס אין איינע פון די לעצטע פארטיעס זענען קיין גאלוועסטאן אנגעקומען איינזאמע מיידלעך אהן עלטער׳ן אדער אנדערע נאהענטע קרובים, וועלכע זאלען פאר זיי זארגען און זיי בעשיצען. די אמעריקאנער קאמיטעטען האבען ניט קיין מעג.יכקייט צו געפינען ארבייט פאר פרויען; אנדערזייטס, פערהאלטען זיך די איממיגראציאנס בעאמטע צו אזעלכע עמיג־אנטקעס מיט א חשד, און זיי שטעהט אויך שטענדיג פאר א געפאהר, מען זאל זיי ניט אריינלאזען אין גאלוועסטאן.

אין אינזער פראקטישער ארבייט מוזען מיר פון יעצט אן אכטונג געבען, דאס אזעלכע פאקטען זאלען מעהר ניט פארקומען, ווייל אויסער דעם, וואס שיקענדיג עמיגראנטען פון די אייבענדער־מאנטע קאטעגאריעס קיין גאלוועסטאן, האבען מיר ניט קיין מעגליכקייט צו העלפען זיי זיך איינארדנען לויט זייער וואונש, שטעלען מיר דורך דעם אויך אין א גרויסע געפאהר אונזער ארבייט אין גאנצען.

נעהמענדיג דאס אלעס אין בעטראכט, בעטען מיר אייך אנווענדען אייער גאנצע פארזיכטיגקייט און אויפמערקזאמקייט ביים אננעהמען עמיגראנטען אין די קומענדע פארטיעס און שטענדיג האבען אין זינען די פאלגענדע כללים:

1) אננעהמענדיג עמיגראנטען־בעלי מלאכות, אין יעדען פאל זיך פאראויס ערקונדיגען, אייב דער עמיגראנט קען ווירקליך זיין מלאכה און צו איז ער פעהיג זיך צו בעשעפטיגען מיט איהר.

2) עמיגראנטען ניט בעלי מלאכות אננעהמען נור א קליינע צאהל, ניט מעהר ווי א פינפטע טייל פון דער אלגעמיינער צאהל עמיגראנטען, און נור זיך ערקונדיגענדיג פאראויס, דאס יעדערער פון זיי איז פאלקאם געזונד און ארבייטס־פעהיג און דאס ער איז גרייט צו בעשעפטיגען זיך מיט יעדער שווערער פיזישער ארבייט, וועלכע עס זאל זיך ניט מאכען די ערשטע צייט.

3) אויפמערקזאם מאכען יעדען איינציגען עמיגראנט, דאס קומענדיג קיין גא.וועסטאן מוז ער האבען ביי זיך ניט ווייניגער פון 20 רובל אויף צו ווייזען די איממיגראציאנס־בעאמטע, און איהם מתרה זיין, דאס אויב ער וועט אזא סוממע אין גאלוועסטאן ביים אראבגעהן פון שיף ניט האבען, שטעהט איהם פאר א געפאהר, מען זאל איהם ניט אריינלאזען אין גאלוועסטאן און שיקען צוריק.

4) פרויען אננעהמען אין אונזערע פארטיעס נור אין די פאלגענדע פאלען: א) אויב זיי פאהרען צוזאמען מיט זייערע עלטער׳ן אדער מיט זייערע מענער; ב) פרויען וואס פאהרען צוזאמען מוט זייערע ברידער אדער אנדערע נאהענטע קרובים, קאן מען אננעהמען נור דאן, ווען זייערע ברידער אדער קרובים זענען פערהייראטעט און פאהרען צוזאמען טיט זייערע פרויען; ג) אויסער דעם קענען אנגענומען ווערען פרויען נור אין דעם פאל, ווען זיי פאהרען צו זייערע מענער, אדער צו זייערע עלטער׳ן, אדער צו אנדערע נאהענטע קרובים, וואס וואהנען שוין פון פריהער אין אמעריקא צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס און האבען זיך דארטען איינגעארדענט.

5) אלע עמיגראנטען, וועלכע פאהרען אין בעשטימטע ערטער צו זייערע קרובים אין אמעריקא, מוזען אנווייזען אין זייער פראגע־ליסט גענוי דעם אדרעס פון די קרובים, צו וועלכע זיי פאהרען. אהן אזעלכע אדרעסען בעטען מיר אייך קיינע עמיגראנטען, וואס פאהרען אין בעשטימטע ערטער, ניט אננעהמען.

מיט אכטונג

די פערוואלטונג
פון דער יודישער עמיגראציאנס־געזעלשאפט
אין קיעוו.

מערץ, 1911.

ТИП. „РАБОТНИКЪ“ КІЕВЪ.

# צירקולאר № 3

יודישע
עמיגראציאנס-געזעללשאפט
קיעוו.
מ.-וואסילקאווסקאיא 29

ЕВРЕЙСКОЕ
ЭМИГРАЦІОННОЕ ОБЩЕСТВО
КІЕВЪ,
М.-Васильковская № 29.
Телефонъ № 2505.

צו אלע אבטיילונגען, בעפאלמעכטיגטע און מיטארבייטער פון דער

יודישער עמיגראציאנס-געזעלשאפט.

גע ע ה ע ר ט ע  ה ע ר ר ע ן,

פון די יודיש-אמעריקאנישע קאמיטעטען, וועלכע נעהמען אנ׳אנטייל אין אונזער ארבייט, האבען מיר די לעצטע צייט ווידער בעקומען א רייהע בריעף, און וועלכע זיי בעקלאגען זיך, דאס זייערע אינסטרוקציעס און אנווייזונגען בנוגע צו דער גאלוועסטאנער עמיגראציע ווערען ניט פאלקאם ערפיעלט. אין אונזערע פארטיעס שיקען מיר צו פיעל ניט-בעלי מלאכות; ווען די פארטיעס קימען אן קיין גאלוועסטאן, ווייזט זיך אפטמאל ארויס, דאס פיעלע פון די עמיגראנטען, וועלכע האבען זיך דא אנגעגעבען פאר בעלי-מלאכות, קענען אין דער אמת׳ן קיין שום מלאכה ניט און זענען בכלל ניט פעהיג צו קיין פיזישע ארבייט א. ד. גל. די אמעריקאנער יודישע קאמיטעטען האבען ניט קיין מעגליכקייט צו געפינען ארבייט פאר אזעלכע עמיגראנטען און איינארדנען זיי ווי געהעריג. אזעלכע עמיגראנטען פערשאפען פיעל זארג און אומזיסטע מיה די ארטיגע קאמיטעטען און די יודישע קהילות אין אמעריקא, צו וועלכע דער גאלוועסטאנער קאמיטעט שיקט זיי, און סוף כל סוף בלייבען זיי אונצופריעדען און בעקלאגען זיך אימער אויף זייער לאגע.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מיר האבען שוין פריהער קלאר און דייטליך אנגעוויזען אין אונזערע צירקולארען, דאס ביים אראבגעהן פון שיף אין גאלוועסטאן מוז יעדער עמיגראנט האבען ביי זיך ניט וועניגער פון 20 רובל אויף צו ווייזען די אימיגראציאנס-בעאמטע, — טרעפט זיך נאך ביז יעצט, דאס קיין גאלוועסטאן קומען עמיגראנטען, וועלכע האבען ניט דיעזע נויטיגע סוממע. אזעלכע עמיגראנטען בעשאפען פאר׳ן גאלוועסטאנער קאמיטעט זעהר פיעל שוועריגקייטען, און זיי שטעהט שטענדיג פאר א געפאהר, מען זאל זיי ניט אריינלאזען אין גאלוועסטאן.

די אמעריקאנער קאמיטעטען בעקלאגען זיך אויך, דאס אין איינגע פון די לעצטע פארטיעס זענען קיין גאלוועסטאן אנגעקומען איינזאמע מיידלעך אהן עלטער׳ן אדער אנדערע נאהענטע קרובים, וועלכע זאלען פאר זיי זארגען און זיי בעשיצען. די אמעריקאנער קאמיטעטען האבען ניט קיין מעגליכקייט צו געפינען ארבייט פאר פרויען; אנדערזייטס, פערהאלטען זיך די אימיגראציאנס בעאמטע צו אזעלכע עמיגראנטקעס מיט א חשד, און זיי שטעהט אויך שטענדיג פאר א געפאהר, מען זאל זיי ניט אריינלאזען אין גאלוועסטאן.

אין אונזער פראקטישער ארבייט מוזען מיר פון יעצט אן אכטונג געבען, דאס אזעלכע פאקטען זאלען מעהר ניט פארקומען, ווייל אויסער דעם, וואס שיקענדיג עמיגראנטען פון די אייבענדערמאנטע קאטעגאריעס קיין גאלוועסטאן, האבען מיר ניט קיין מעגליכקייט צו העלפען זיי זיך איינארדענען לויט זייער וואונש, שטעלען מיר דורך דעם אויך אין א גרויסע געפאהר אונזער ארבייט אין גאנצען.

נעהמענדיג דאס אלעס אין בעטראכט, בעטען מיר אייך אנווענדען אייער גאנצע פארזיכטיגקייט און אויפמערקזאמקייט ביים אננעהמען עמיגראנטען אין די קומענדע פארטיעס און שטענדיג האבען אין זינען די פאלגענדע כללים:

1) אננעהמענדיג עמיגראנטען-בעלי מלאכות, אין יעדען פאל זיך פאראויס ערקונדיגען, אויב דער עמיגראנט קען ווירקליך זיין מלאכה און צו איז ער פעהיג זיך צו בעשעפטיגען מיט איהר.

2) עמיגראנטען ניט בעלי מלאכות אננעהמען נור א קליינע צאהל, ניט מעהר ווי א פינפטע טייל פון דער אלגעמיינער צאהל עמיגראנטען, און נור זיך ערקונדיגענדיג פאראויס, דאס יעדערער פון זיי איז פאלקאם געזונד און ארבייטס-פעהיג און דאס ער איז גרייט צו בעשעפטיגען זיך מיט יעדער שווערער פיזישער ארבייט, וועלכע עס זאל זיך ניט מאכען די ערשטע צייט.

3) אויפמערקזאם מאכען יעדען איינציגען עמיגראנט, דאס קומענדיג קיין גאלוועסטאן מוז ער האבען ביי זיך ניט וועניגער פון 20 רובל אויף צו ווייזען די אימיגראציאנס-בעאמטע, און איהם מתרה זיין, דאס אויב ער וועט אזא סוממע אין גאלוועסטאן ביים אראבגעהן פון שיף ניט האבען, שטעהט איהם פאר א געפאהר, מען זאל איהם ניט אריינלאזען אין גאלוועסטאן און שיקען צוריק.

4) פרויען אננעהמען אין אונזערע פארטיעס נור אין די פאלגענדע פאלען: א) אויב זיי פאהרען צוזאמען מיט זייערע עלטער׳ן אדער מיט זייערע מענער; ב) פרויען וואס פאהרען צוזאמען מיט זייערע ברידער אדער אנדערע נאהענטע קרובים, קאן מען אננעהמען נור דאן, ווען זייערע ברידער אדער קרובים זענען פערהייראטעט און פאהרען צוזאמען מיט זייערע פרויען; ג) אויסער דעם קענען אנגענומען ווערען פרויען נור אין דעם פאל, ווען זיי פאהרען צו זייערע מענער, אדער צו זייערע עלטער׳ן, אדער צו אנדערע נאהענטע קרובים, וואס וואהנען שוין פון פריהער אין אמעריקא צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס און האבען זיך דארטען איינגעארדענט.

5) אלע עמיגראנטען, וועלכע פאהרען אין בעשטימטע ערטער צו זייערע קרובים אין אמעריקא, מוזען אנווייזען אין זייער פראגע-ליסט גענוי דעם אדרעס פון די קרובים, צו וועלכע זיי פאהרען. אהן אזעלכע אדרעסען בעטען מיר אייך קיינע עמיגראנטען, וואס פאהרען אין בעשטימטע ערטער, ניט אננעהמען.

מיט אכטונג

די פערוואלטונג
פון דער יודישער עמיגראציאנס-געזעלשאפט
אין קיעוו.

מערץ, 1911.

ТИП. „РАБОТНИКЪ“ КІЕВЪ.

4

ЕВРЕЙСКОЕ
ЭМИГРАЦIОННОЕ ОБЩЕСТВО
КIЕВЪ,
М.-Васильковская № 29.
Телефонъ № 2505.

**ЦИРКУЛЯРЪ № 4.**

**Отдѣленiямъ, уполномоченнымъ и корреспондентамъ „Еврейскаго Эмиграцiоннаго Общества"**

## Мм. Гг.

Какъ Вамъ извѣстно, еврейская пресса до сихъ поръ удѣляетъ на своихъ столбцахъ очень мало мѣста принципiальному и фактическому освѣщенiю эмиграцiоннаго дѣла вообще и гальвестонской эмиграцiи въ особенности. Это обстоятельство даетъ себя очень сильно чувствовать въ дѣятельности нашего Общества, лишая какъ эмигрирующую массу, такъ и нашихъ активныхъ сотрудниковъ на мѣстахъ возможности постоянно слѣдить за ходомъ нашего дѣла и за происходящими въ немъ измѣненiями. Съ тѣмъ большимъ удовольствiемъ сообщаемъ Вамъ, что редакцiя газеты „Геедъ-Газманъ" рѣшило отнынѣ завести особый отдѣлъ подъ названiемъ „Гальвестонская эмиграцiя и колонизацiонная дѣятельность". Въ этомъ отдѣлѣ наши сотрудники найдутъ всѣ информацiонныя свѣдѣнiя, касающiяся гальвестонской эмиграцiи и дѣятельности нашего Общества вообще, а также статьи и сообщенiя, освѣщающiя нашу работу съ принципiальной точки зрѣнiя.

Сообщая объ этомъ всѣмъ своимъ сотрудникамъ и рекомендуя имъ тщательно слѣдить за указаннымъ отдѣломъ въ газетѣ „Геедъ-Газманъ" Правленiе Еврейскаго Эмиграцiоннаго Общества вмѣстѣ съ тѣмъ выражаетъ надежду, что благой починъ газеты „Геедъ-Газманъ" найдетъ себѣ подраженiе во всѣхъ другихъ органахъ еврейской прессы, интересующихся судьбами еврейской эмигрирующей массы.

ПРАВЛЕНIЕ
Еврейскаго Эмиграцiоннаго Общества
въ Кiевѣ.

Мартъ, 1911 г.

5

ЕВРЕЙСКОЕ
ЭМИГРАЦІОННОЕ ОБЩЕСТВО
КІЕВЪ,
М.-Васильковская № 29.
Телефонъ № 2505.

**ЦИРКУЛЯРЪ № 5.**

*Марта 1911 г.*

## Отдѣленіямъ, гг. уполномоченнымъ и кореспондентамъ Еврейскаго Эмиграціоннаго Общества.

**Мм. Гг.**

Покорнѣйше просимъ Васъ подробно разъяснить всѣмъ эмигрантамъ, которыхъ Вы отнынѣ примете для отправки въ Гальвестонъ, что всѣ они, по прибытіи въ Гальвестонъ, должны на вопросы иммиграціонныхъ чиновниковъ отвѣчать одну только правду, какъ о мотивахъ, побудившихъ ихъ ѣхать въ Гальвестонъ вмѣсто восточныхъ портовъ, такъ и относительно ихъ дальнѣйшихъ намѣреній. Всѣ эмигранты должны заявить въ отвѣтъ на вопросы, что они поѣхали въ Гальвестонъ вмѣсто Нью-Іорка, Чикаго и т. п. потому, что они убѣдились въ томъ, что условія труда въ западныхъ и юго-западныхъ штатахъ Сѣв. Америки выгоднѣе и шансовъ найти заработокъ больше, чѣмъ въ восточныхъ штатахъ. Они должны далѣе заявить, что въ Гальвестонѣ они намѣрены обратиться къ мѣстному Информаціонному Бюро, который, какъ имъ сказали наши представители въ Россіи, окажетъ имъ помощь по пріисканію заработка.

Въ послѣднихъ партіяхъ были случаи, когда эмигранты путались въ показаніяхъ, отрицали, что они наши эмигранты и т. п. Такое отрицаніе производитъ очень неблагопріятное впечатлѣніе на иммиграціонныхъ чиновниковъ, которые прекрасно освѣдомлены о дѣятельности нашего Общества и относятся въ настоящее время весьма благожелательно къ нашимъ цѣлямъ и задачамъ.

Вмѣстѣ съ тѣмъ, обращаемъ еще разъ Ваше вниманіе, что въ интересахъ дѣла Вы не должны принимать эмигрантовъ нездоровыхъ, блѣдныхъ, старше 40 лѣтъ, и вообще такихъ, которые своимъ внѣшнимъ видомъ производятъ впечатлѣніе людей не трудоспособныхъ.

ПРАВЛЕНІЕ
**Еврейскаго Эмиграціоннаго Общества**
въ Кіевѣ.

Кіевъ, Тип. „Работникъ".

Просмотрено
23/V 52 г. Даниленко.

Київський обласний державний архів
у цій справі пронумеровано

5 шт. (пять.)

24/V 41 г. Арх.         Пас

Ф 444 оп. 1

# ЛИСТ-ЗАВЕРИТЕЛЬ ДЕЛА № 28

В деле подшито и пронумеровано листов 5 (пять)

в том числе: литерные листы

пропущенные номера

Плюс листов внутренней описи

| Особенности физического состояния и формирования дела | Номера листов |
| --- | --- |
| На реставрацию 11.05.06 [illegible] | |
| После реставрации 08.11.06 [illegible] | |
| Підгот. до сканув. 05.06.23 В | |

Хранитель фондов (наименование должности составителя) [подпись] Колощенко О.Н. (расшифровка подписи)

08.05.91. (дата)

Спалвено 9
Зазнано 26.07.24
Сталиво [illegible]

Барышевская тип. зак. 2083—50000. 7-88 г.

20.10.08. справа чекн[illegible]

06.2006р - реставрація - реставратор Оксененко О.О.